View metadata, citation and similar papers at core.ac.uk
brought to you by CORE
provided by Hochschulschriftenserver - Universität Frankfurt am Main

## שלום-עליכם

# דאָקטוירים

– ווייסט איר ניט, פֿעטער, ווו זיצט דאָ ערגעץ דער דאָקטער פֿײַנפֿינקלקרויט?

– האַ? ווי אַזוי האָט איר אים אָנגערופֿן? פֿײַנפֿינפֿײַן...

– פֿײַנפֿינקלקרויט.

– פֿײַנפֿינקלקרויט? אַזוי זשע רעדט. פֿײַנפֿינקלקרויט... עפּעס אַ קענטלעכער נאָמען... וואָס זשע, איר דאַרפֿט טאַקע דווקא צון אים, נעפּרעמענע? צי ס'איז נישקשה אַן אַנדער דאָקטער אויך? פֿאַראַן בײַ אונדז, קיין עין-הרע, גענוג די דאָזיקע סחורה. אָט דאָ אַקעגן זיצט אויך אַ דאָקטער, צוויי דאָקטוירים; איינער אַן אמתער דאָקטער, און דער אַנדערער אַ ציין-דאָקטער. און טאַקע באַלד די דריטע שטוב, אָט דאָרט, זיצט אויך אַ דאָקטער, אַ גאַנץ פֿײַנער דאָקטער, אפֿילו נאָך נאָר אַ יונגעטשקער דאָקטער, נישט לאַנג פֿון דער פֿאַבריקע, נאָר נישקשה, ער האָט שוין אַ היבשע פּראַקטיקע. עס האָבן בײַ אונדז אַלע דאָקטוירים שיינע פּראַקטיקע, וואָרום דער עולם, פֿאַרשטייט איר מיך, קיין עין-הרע, קרענקט... ווי אַזוי, האָט איר געזאָגט, רופֿט מען אים, דעם דאָקטער אײַערן? פֿינפֿײַנפֿין...

– פֿײַנפֿינקלקרויט. איך דאַרף צו אים האָבן ניט מכּח זיך...

– נאָר צוליב אײַער ווײַב? טאָ גייט גלײַך אַהין – זעט איר? דאָרט זיצט אַ ווײַבערשער דאָקטער. דאָס הייסט, אַ דאָקטער אַן אַקושאָר. מע זאָגט, אַ בריה אַ דאָקטער, און נאָר אויף די חלאַתן... אַז מע שמועסט אַ ספּעציאַליסט, איז דאָך ניט שײַך! ס'איז שוין הײַנט אַזוי אײַנגעפֿירט אומעטום, אַז אויף יעדער

ספּעציאַלנאָסט איז אַ באַזונדערער דאָקטער: אויף בײַכער אַ דאָקטער, אויף לונג-און-לעבערס אַ דאָקטער, אויף אויגן אַ דאָקטער, אויף נערוועו אַ דאָקטער, אויף קינדער אַ דאָקטער... הײַנט דאָס היילן, וואָס מע היילט אַצינד, איז אויך נישט דאָס, וואָס אַ מאָל. אַ מאָל האָט מען געוווּסט רפֿואות, רעצעפּטן, פּילן, פּראָשקעס, ביטערע קרײַטער; הײַנט איז געוואָרן אַ מאָדע מאַשינעס מיט רײַבעניש, מיט מאַסאַזש, מיט בעדער, פּשוטע בעדער – די דאָקטוירים אַליין זענען הײַנט געוואָרן בעדערס, און ס'איז גאָר אַ סבֿרה, אַז הײַנט איז עס דאָס בעסטע געשעפֿט... אויף וואָס פֿאַר אַ ספּעציאַלנאָסט איז ער, דער דאָקטער, וואָס איר פֿרעגט זיך נאָך אויף אים? וואָס איז ער? אַ ייִד?

– אַ ייִד. וואָס דען? אַ גוי? איר הערט דאָך נאָכן נאָמען... פֿײַנפֿינקלקרויט...

– פֿײַנפֿינקלקרויט, האָט איר געזאָגט? נו-יאָ, פֿאַרשטייט זיך, אַ ייִד. ווי באַלד אַז פֿײַנפֿינקלקרויט, איז אַ ייִד. בײַ אונדז זענען אַלע צום מיינסטן ייִדישע דאָקטוירים. כאָטש אַפֿילו אַ ייִד, אייגנטלעך, האָט ליב אַ גוייִשן דאָקטער; אַ ייִד האָט ליב אַ גוייִשן אַדוואָקאַט, אַ גוייִשע קלייט און אַ גוייִשן לערער... אַ ייִד איז די כּפּרה נאָך אַ גוי... איז ווי אַזוי, האָט איר געזאָגט, רופֿט מען אים, דעם דאָקטער אײַערן? פֿײַפֿער?

– ניט פֿײַפֿער, נאָר פֿײַנפֿינקלקרויט... איך דאַרף צו אים האָבן מכּח עפּעס אַנדערש...

– אַהא! מכּחן פּריזיוו מסתּמא? אַן עצה האַלטן? איך פֿאַרשטיי שוין!... וואָס? ניין?... צי אפֿשר נאָר מכּח אַ שידוך? אַיאָ, איך האָב געטראָפֿן? הערסט דו! וואָס דען? אַז ניט היילן זיך, און ניט קיין ווײַב, און ניט קיין פּריזיוו, איז מסתּמה אַ שידוך... אויב אַזוי, דאַרפֿט איר אײַער... ווי אַזוי הייסט ער דאָרט... אויף טישטשע כּפּרות. איך וועל אײַך אָנווײַזן אַ סך אַ בעסערן דאָקטער. עס ווענדט זיך, בײַ וואָס יענער האַלט? וויפֿל גיט מען?... וואָרום, געוויינטלעך, וואָס מער פּראַקטיקע, אַלץ מער נדן. און אפֿילו גאָר אָן פּראַקטיקע, וועט איר אויך דאַרפֿן באַצאָלן, וואָרום הײַנטיקע צײַטן אַ ליאַדע סטודענטל, אַבי ער

איז נאָר אין אוניווערסיטעט, וועט איר אים שוין ווינציקער ווי פֿאַר פֿינף-זעקס טויזנט קאַרבן נישט קויפֿן. הײַנט בפֿרט אַ פֿאַרטיקער דאָקטער, ער מעג זײַן אַ שמאַטע שבשמאַטע! איר זאָגט מיר אַקוראַט, וואָס מיינט יענער?

– ניין, ווייס איך וואָס – ניט דאָס!... איר האָט גאָר אין גאַנצן אַ טעות...

– למאי זאָלט איר וועלן איבערשפּאַרן? איר הערט וואָס איך זאָג אײַך. אויב יענער קאָן גוט באַצאָלן, איז דאָס פֿאַר אים אָנגעמאָסטן. דאָס איז שוין איין מאָל אַ דאָקטער. אַ פּראָפֿעסער! ער איז אויף אַלסדינג: אויף בײַכער, און אויף נערוון, און אויף ציין, און אויף קינדער, און אויף אָפּעראַציעס, און ווײַבער האַלטן פֿון אים גאָר אַן עולם ומלואו, וואָרום ער איז טאַקע זייער אַ פֿײַנער יונגאַטש, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ הויכער, אַ „מאושטשינע“! און דערצו איז ער נאָך אַ ציוניסט אויך, און אַ פּיסק האָט ער – אש-להבֿה! אַז מע שמועסט אַ צאַצקע אַ דאָקטער, איז דאָך ניט שײַך!

– ניין! איך זאָג דאָך אײַך, אַז איך דאַרף גאָר...

– האַ? אַזוי זשע רעדט! וואָס זשע דערציילט איר מעשׂיות? איר זעט אָן דאָרט אַ ווײַס מויערל?

– נו? איז דאָרט זיצט פֿײַנפֿינקלקרויט?

– דאָרט זיצט ניט פֿײַנפֿינקלקרויט, דאָרט זיצט מאיר טאָלאָטשינאָווס. אַ ייִד אַ גבֿיר. געווען אַ מאָל אַ קבצן הגדול הגבור והנורא; אַצינד, חוץ זײַן שאָדן, אויף אונדז ביידן געזאָגט געוואָרן. האָט ער אַ טעכטערל, איז זי מיאוס ווי דער טויט. נאָר אַז גאָט העלפֿט, ס'איז דאָ מיט וואָס, פֿאַרשמירט מען דאָס פּנים מיט אַ צען-פֿופֿצן טויזנט קאַרבן און מע פֿאַרגינט זיך איר אַראָפּברענגען אַ חתן אַ דאָקטער אַזש פֿון סאַמע קיעוו. דאָס הייסט, געענדיקט האָט ער אין קיעוו, אַליין איז ער גאָר אַן אומאַנער פֿון אומאַן...

– אַקעגן וואָס דערציילט איר עס מיר?

– אַקעגן דעם, וואָס איר פֿרעגט זיך נאָך אויף...

– אויפֿן דאָקטער פֿײַנפֿינקלקרויט? דאָס פֿרעג איך ניט, ווײַל איך דאַרף אַ שידוך טאָן מיט אַ דאָקטער, נאָר ווײַל דער דאָקטער פֿײַנפֿינקלקרויט איז...

– האָט איר דאָך באַלד געקאָנט זאָגן! און איך האָב געמיינט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ שידוך! הערט זשע אויס, אַז ס'איז יאָ אַזוי, גיט אַהער דאָס אויער... האָב איך אַ ספּעציאַליסט – נאָר וואָס פֿון דער נאָדל אַרויס... ניט לאַנג געעפֿנט אַ קאַבינעט... ער האָט געכאַפּט עטלעכע טויזנט קאַרבן ירושה, האָט ער זיך מיישבֿ געווען און האָט דאָס גאַנצע געלט אַרײַנגעבראָקט אין אַ מאַשין, אַליין געפֿאָרן קיין אויסלאַנד נאָך דער מאַשין. קיין פּראַקטיקע דערווײַל האָט ער נאָך ניט, נאָר איך זאָל שוין האָבן אַזאַ דאגה מיט ווּ נעמט מען אויף שבת, ווי איך האָב אַ דאגה מיט זײַן פּראַקטיקע! זאָרגט זיך ניט, ער וועט האָבן די בעסטע פּראַקטיקע, אָט וועט איר זען, וואָרום די דאָקטוירים, וואָס אויף די דאָזיקע שלאַפֿקייטן, האָבן אַלע די שענסטע פּראַקטיקע! ספּעציאַליסטן!... זע-נאָר, וואָס כאַפּט איר זיך אַזוי? וואָס אַנטלויפֿט איר? שטייט אַ ווײַלע! איך האָב אײַך נאָך ניט געקאָנטשעט. איך האָב נאָך אַ פּאָר דאָקטוירים...

– אָבער, אין גאָטעס ווילן! לאָזט מיך צו רו מיט אײַערע דאָקטוירים! וואָס האָט איר זיך אָנגעקלעפּט? איך דאַרף ניט קיין דאָקטער, איך דאַרף ניט קיין פּריזיוו, איך דאַרף ניט קיין שידוך, איך דאַרף ניט קיין ספּעציאַליסט – איך בין ניט מער ווי אַ פּריקאַזטשיק. איך דאַרף האָבן צום דאָקטער פֿײַנפֿינקלקרויט גאָר מכּח עפּעס אַנדערש: סע קומט אונדז פֿון אים פֿאַרן גאַנצן ווינטער פֿאַר האָלץ...

– פֿאַר האָלץ?!... אַלע בייזע וויסטע חלומות! געזען אַ ביסל! דערטאַפּט אַ ווילד-פֿרעמדן ייִדן און דרייט אים אַ ספּאָדיק: פֿײַנפֿינקלקרויט! אפֿשר האָט יענער קיין צײַט ניט? אפֿשר לויפֿט גאָר יענער זוכן, ווּ פֿאַרדינט מען אַ קערבל – ס'איז ערבֿ שבת? איך האָב אָבער באַלד דערקענט, הערט איר, אַז איר דאַרפֿט זײַן

אַ ייִד פֿון האָלץ, גאָט זאָל מיך אַזוי באַגליקן אויף דער עלטער!
אָט די הילצערנע ייִדן – טפֿו!...

Transcribed by Itsik Goldenberg.
Copyright © 2007 Leonard Prager.
All Rights Reserved